און  מיטאַרבעטנדיק מיט אים, זענען מיר אייך אויך מזהיר, אַז איר זאָלט
נישט מקבל-זיין דעם חסד פון ה' אומזיסט [5:15]! וואָרים ער זאָגט:
אין אַן עת רצון האָב איך דיך דערהערט,
און אין אַ טאָג פון ישועה האָב איך דיר געהאָלפן;
(ישעיה מט, ח)
זע, איצט איז די באַוויליקטע צייט; אָט איצט איז דער טאָג פון ישועה; נישט געבנדיק קיינעם קיין מכשול אין עפּעס, כדי אונדזער עבודה זאָל נישט  ווערן צו שאַנד; נאָר אין אַלעם ווייזן מיר זיך ווי כְּלֵי קֹדֶש פון ה', אין גרויסער סבלנות, אין צרות, אין נויטן, אין יסורים, אין שלעק, אין תפיסות, אין מהומות, אין אַרבעט, אין נאַכט-וואַכן, אין תעניתים, אין לויטערקייט, אין דערקענטעניש, אין לאַנגמוטיקייט, אין מילדקייט, אינם רוח הקודש, אין נישטצבועקישער ליבע, אין דעם וואָרט פון אמת, אין דער גבורה פון ה'; דורך די כלי-זין פון גערעכטיקייט אויף רעכטס און לינקס, דורך כבוד און בזיון, דורך אַ שם רע און א שם טוב; ווי פאַרפירער און דאָך וואָרהאַפטיקע; ווי אומבאַקאַנטע און דאָך באַקאַנט; ווי שטאַרבנדיקע און, זע, מיר לעבן; ווי געציכטיקטע, און דאָך נישט געטייטע; ווי טרויעריקע, אָבער תמיד פריילעך; ווי אָרעמעלייט, וועלכע מאַכן אָבער אַ סך רייך; ווי אַזעלכע, וואָס האָבן גאָרנישט, און באַזיצן דאָך אַלץ.  אונדזער מויל האָט זיך אויפגעמאַכט צו אייך, אָ קאָרינטער, אונדזער האַרץ איז ברייט געוואָרן.  אייך איז נישט ענג אין אונדז, איר אָבער זענט ענג-געוואָרן